ספרי׳ — **אוצר החסידים** — ליובאוויטש

קובץ
שלשלת האור

היכל
תשיעי

שער
שלישי

# לקוטי שיחות

על פרשיות השבוע, חגים ומועדים

•

מכבוד קדושת
## אדמו״ר מנחם מענדל
זצוקללה״ה נבג״מ זי״ע
**שניאורסאהן**
מליובאוויטש

•

## פ׳ החודש
**(חלק טז)**

יוצא לאור על ידי מערכת
**״אוצר החסידים״**
770 איסטערן פּאַרקוויי ברוקלין, נ.י.
שנת חמשת אלפים שבע מאות שמונים ואחת לבריאה

מחזור הראשון של לימוד הלקוטי שיחות
שבוע שביעי של פסח, טו־כא ניסן, ה׳תשפ״א (ב)

**Likkutei Sichot**

Copyright © 2021
by
Kehot Publication Society
770 Eastern Parkway / Brooklyn, New York 11213
(718) 774-4000 / FAX (718) 774-2718
editor@kehot.com / www.kehot.org

All rights reserved. No part of this publication may be reproduced, stored in a retrieval system, or transmitted in any form or by any means, electronic, mechanical, photocopying, recording, or otherwise, without prior permission from the copyright holder.

The Kehot logo is a registered trademark of Merkos L'Inyonei Chinuch.

For dedications of the weekly Sichos, please contact us at: dedications@kehot.com

# פ׳ החודש

א. מ׳האָט שוין פיל מאָל גערעדט, אַז ניט קוקנדיק אויף דעם וואָס „ימי החודש״ און „ימי השבוע״ ווערן גע־רעכנט לויט צוויי באַזונדערע חשבונות, וואָס זיינען אומאָפּהענגיק איינער פון צווייטן

– און לפי זה: ווען אַ יו״ט וואָס ווערט באַשטימט לויטן חשבון פון די ימי החודש (ווי פסח, לדוגמא, וואָס איז אַלע־מאָל בט״ו בניסן) פאַלט אויס ביום השבת, דאַרף אויסקומען לכאורה, אַז די צוויי קדושות אין זעלבן טאָג – די קדושת שבת (מצד דעם סדר פון ימי השבוע) און קדושת יו״ט (מצד די ימי החודש) – זיינען צוויי באַזונדערע ענינים, וואָס האָבן ניט קיין שייכות צווישן זיך –

וויבאַלד אָבער אַז יעדע זאַך (אין וועלט, ועאכו״כ) אין תורה, איז בהשגחה פרטית ובדיוק, איז פאַרשטאַנדיק אַז דאָס גופא וואָס דער טאָג אין חודש פאַלט אויס אין דעם טאָג פון וואָך, איז אַ באַווייז אַז עס איז דאָ (אָדער נאָכמער, אַז דאָס טוט אויף) אַ שייכות צווישן זיי.

[וכידוע די ראי׳ אויף דעם פון ש״ס: די גמרא זאָגט אין זבחים[1] „ראש חודש למוספין דידי׳ אהני, למוספי שבת לא אהני (בתמי׳)״ – אַז די (קרבנות) מוספין פון שבת וואָס מ׳ברענגט בר״ח שחל בשבת האָבן אין זיך אויך די קדושה פון (מוספי) ראש חודש (וואָס מוספי ר״ח „מקודשין משל שבת״[2]); קומט אויס, אַז די שייכות און אויפטו („אהני״) פון ראש חודש איז ניט נאָר אין דעם טאָג ווי ער איז אַ פּרט פון די ימי החודש, נאָר אויך אינעם שבת (ועניני׳), אַז עס ווערט אַ ראש־חודש׳דיקער שבת[3]].

דערפון איז אויך פאַרשטאַנדיק בעני־ננו – פרשת החודש, אַז טראָץ דעם וואָס זי איז אַלעמאָל געבונדן (ניט מיט אַ באַשטימטן טאָג אין חודש, נאָר) מיט יום השבת, איז אָבער דאָ אַ לימוד מיוחד (אין דעם ענין פון „החודש״) פון דעם באַשטימטן טאָג אין ימי החודש, ווען (שבת) פ׳ החודש פאַלט אויס.

ולדוגמא, ווען דאָס פאַלט אויס (ווי די היי־יאָריקע קביעות) בכ״ה אדר, וואָס לדעת ר׳ יהושע[4] („בניסן נברא העולם״) איז עס דער „יום הראשון״ פון ששת ימי בראשית.

ב. עס שטייט אין מדרש[5] „לא הי׳ צריך להתחיל את התורה אלא מהחודש הזה לכם״, וי״ל ומסתבר לומר עפ״ז – וויבאַלד אַז דער סדר אין תורה איז בדיוק און אויך תורה, אַז „החודש הזה

---

1) צא, רע״א.

2) רש״י שם ד״ה מוספי ר״ח.

3) ועד״ז מצינו שהשבת „אהני״ לענינים שאינם שייכים מצ״ע לקדושת שבת (כמו „לתמידין״ – זבחים שם). וכידוע ג״כ הראי׳ מהביאור בזה שאין תוקעין בר״ה שחל להיות בשבת שזהו מפני שבשבת נמשך מצד עצמו מה שנמשך ע״י השופר, וממילא אינו נצרך לשופר (לקו״ת ר״ה ד״ה להבין המשנה י״ט של ר״ה ס״ד. ובכמה דרושי רבותינו נשיאינו ד״ה יו״ט של ר״ה).

4) ר״ה יא, רע״א. תוד״ה לתקופות שם ח, א.

5) תנחומא באבער בראשית יא. יל״ש עה״פ החודש גו׳. פרש״י ומדרש לקח טוב ר״פ בראשית.

לכם גו׳״ איז אַ יסוד ודוגמא פון כל התורה — די התחלה און יסוד פון אַלע מצוות איז — „החודש גו׳״.

דער ביאור אין דעם איז מובן פונעם מאמר חז״ל[6] אויף „החודש הזה לכם ראש חדשים״[7] — וואָס דערמיט ווערט געמיינט חודש ניסן, וואָס איז דער חודש הגאולה פון גלות מצרים[8] — אַז „כשבחר ביעקב ובניו קבע בו (ראש) חודש של גאולה״. ד. ה. אַז די עבודה פון „יעקב ובניו״ — קיום המצות — איז צו אויפטאָן דעם ענין ה„גאולה״ אין עולם („בחר הקב״ה בעולמו״):

וועלט מצ״ע איז אין אַ מצב פון גלות, ווייל „עולם״ איז פון לשון העלם[9] — אלקות איז בהעלם והסתר אין וועלט; און אפילו אַז זייענדיק אין וועלט קומט מען צו דער הכרה אַז יש בעה״ב לבירה זו, איז דאָס נאָר אויף אַזויפיל וויפל וועלט איז מכריח אַז זי האָט אַ בעה״ב, בסגנון אחר: נאָר אַ הכרה אין דעם אור אלקי וואָס איז מלובש אין וועלט (אַן אור מדוד ומוגבל). אָבער דורך דער עבודה פון אידן בקיום התומ״צ ווערט אויפגעטאָן דער ענין ה„גאולה״ — מ׳גייט אַרויס פון די מצרים און העלמות און מ׳איז ממשיך דעם אור אלקי שלמעלה מן העולמות.

וויבאַלד אַז די עבודה פון אַ אידן איז פועל דעם ענין הגאולה, איז מובן, אַז אויך די עבודה גופא דאַרף געטאָן ווערן אין אַן אופן פון „גאולה״:

אַ איד דאַרף מקיים זיין תומ״צ אין אַן אופן פון „חירות״ און מיט אַ געפיל פון חירות, אַז ער איז „פריי״, ניט אונטערגע־וואָרפן דעם העלם פון וועלט, און קיין זאַך קען אים ניט שטערן אין דער עבודה פון תומ״צ. אין אַ טיפערן אופן מיינט עס, אַז אַ איד גייט אַרויס פון די הגבלות פון זיין אייגענער טבע[10]: זיין טאָן אין עבודת ה׳ איז ניט באַגרעניצט נאָר צו די ענינים אין וועלכע ער האָט אַ „געשמאַק״ מצד טבעו, און אין זיי גופא איז זיין חיות נאָר אויף וויפל עס מאָנט זיך מצד זיין טבע — נאָר ער טוט אַלע מצוות מיט אַ חיות בלתי מוגבלת פון נשמה.

און דער אופן פון קיום התומ״צ איז מרומז אין דעם נאָמען פון דער פרשה — „החודש״ (מלשון חידוש[11]): קיום התומ״צ דאַרף ניט געטאָן ווערן אַזוי ווי מ׳טוט אַן „אַלטע״, איינגעוואוינטע זאַך, נאָר ווי אַ נייע זאַך — „בכל יום יהיו בעיניך חדשים״[12] — וואָס מען טוט עס מיט חיות און איבערגעבנקייט, וואָס דאָס דריקט זיך אויס אין מקיים זיין תומ״צ מיטן גרעסטן הידור וואָס איז מעגלעך.

ווי קען מען מאָנען אַז די תומ״צ זאָל אַ איד מקיים זיין „כחדשים״, בשעת זיין גוף איז טאָג־טעגלעך איינגעוואוינט אין לימוד התורה וקיום המצוות?

— איז כל זמן ער געפינט זיך אין די הגבלות פון דער אייגענער מציאות, קען ער זיך טאַקע ניט באַפרייען פון דעם הרגש אַז תומ״צ זיינען ביי אים אַן

6) שמו״ר פט״ו, יא.

7) בא יב, ב.

8) ובניסן עתידין ליגאל (דעת ר״י ר״ה שם. וכן סתם בשמו״ר שם).

9) לקו״ת שלח לז, ד. ובכ״מ.

10) ראה תו״א יט, סע״ב ואילך.

11) ראה פסיקתא דר״כ ופס״ר פ׳ החודש: חדשו מעשיכם. ועוד.

12) רש״י תבא כו, טז. וראה רש״י יתרו יט, א. עקב יא, יג. ובספרי ורש״י ואתחנן (ו, ו) „כחדשה״ (בכ״ף הדמיון). וראה טושו״ע ושו״ע אדה״ז או״ח סי׳ סא ס״ב.

„איינגעוואוינטער״ ענין; בשעת אָבער ער „שפרינגט אַרויס״[13] פון זיין מציאות, ער פועל׳ט ביי זיך דעם ענין פון „יציאת מצרים״ אין פנימיות׳דיקן זין[14] — אַרויס־גיין פון די מצרים וגבולים פון זיין טבע — דעמאָלט איז אויך דער קיום התומ״צ ביי אים אין אַן אופן פון חידוש.

ג. קען מען מיינען, אַז דאָס אַלץ איז געזעדט געוואָרן נאָר בנוגע דעם סוג עבודה פון לימוד התורה וקיום המצוות, וואָס איז שייך צו דער נשמה. וואָרום כאָטש תומ״צ זיינען אָנגעטאָן אין דברים גשמיים ועניני עולם הזה[15], האָבן זיי אָבער מער שייכות צו דער נשמה ווי צום גוף — און אין דעם איז פאַרשטאַנדיק ווי אַזוי מ׳קען פועל זיין ביי זיך צו „אַרויס־גיין פון מצרים״, פון די מצרים וגבולים פון טבע הגוף און טאָן די עבודה אין אַן אופן פון „החודש גו׳״.

בשעת אָבער עס האַנדלט זיך וועגן דער עבודה פון „כל מעשיך יהיו לשם שמים״[16] און „בכל דרכיך דעהו״[17], וועגן דער התעסקות פון אַ אידן אין די ענינים פון וועלט — וואָס הגם אמת, אַז ער טוט זיי „לשם שמים״ וכו׳, אָבער דאָך הערט זיך אין זיי אָן אַז זיי זיינען „מעשיך״ און „דרכיך״, מעשים פון גוף — איז ווי קען מען ביי דער עבודה מאָנען אַז מען זאָל זיך אויסטאָן פון טבע הגוף, בשעת אַז בשעה זו עצמה איז ער אַריינגעטאָן אין עניני הגוף?

אויף דעם איז דאָ די הוראה פון דער קביעות פון שבת פרשת החודש וואָס פאַלט אויס בכ״ה אדר — דער יום ראשון פון מעשה בראשית — אַז אויך אין די עניני הבריאה (כ״ה אדר) קען זיין און דאַרף זיין די עבודה אין אַן אופן פון „החודש״, למעלה ממדידה והגבלה.

ד. ווי איז אָבער פאָרט מעגלעך אַז די ביידע ענינים הפכים זאָלן זיין בבת אחת — אַז זייענדיק אַריינגעטאָן אין עניני הגוף זאָל מען אין דער זעלבער צייט זיין אויסגעטאָן פון טבע הגוף? — איז עס דערפאַר, וואָס אַ איד האָט אַ שייכות צו דער בריאה ווי זי איז באַשאַפן געוואָרן (ניט בכ״ה אלול, כדעת ר׳ אליעזר[18] („בתשרי נברא העולם״), נאָר) בכ״ה אדר (כדעת ר׳ יהושע):

ס׳איז ידוע[19], אַז די צוויי דיעות — דעת ר״י און דעת ר״א — זיינען ביידע אמת: בניסן איז דאָס געווען אינעם אופן פון עלה במחשבה לברוא, און די בריאה בפועל איז געווען בתשרי[20]; און דאָס

13) שזוהי השייכות בין „החודש״ לתוכן כל הפרשה שהוא ע״ד עניני פסח — כי „פסח״ הוא „על שם הדלוג״ (רש״י בא יב, יא. שם, יג) — העבודה למעלה ממדידה והגבלה.

14) ראה תניא פמ״ז. ובכ״מ.

15) תניא פ״ד. וראה שם פל״ז.

16) אבות פ״ב מי״ב.

17) משלי ג, ו.

18) ר״ה י, סע״ב ואילך. וש״נ. תוד״ה לתקופות הנ״ל. ר״ן ר״ה טז, א.

19) תוד״ה כמאן מצלינן — ר״ה כז, א (וראה הערה הבאה). שער הכוונות ענין ר״ה דרוש א׳. פע״ח שער ר״ה פ״ד (בכמה דפוסים — פ״ו).

20) בתוס׳ שם לפנינו, דבתשרי עלה במחשבה לבראות ולא נברא עד ניסן. אבל [נוסף שיש גורסין (הובא בשו״ת בני ציון ח״א סי״ד אות טז) בתוס׳ כבפנים, הרי]:

בתוס׳ מבוארים ב׳ ענינים: א) (עיקר) החידוש שיש ב׳ בריאות — במחשבה ובדיבור (ולכן מביא דוגמא — ראי׳ ע״ז). ב) דתשרי הנ״ל קודם לניסן (דפשיטא דמחשבה קדמה לדיבור);

ובמילא, כל מ״ד דס״ל שניסן קדם לתשרי — כמו דעת התוס׳ (ד״ה לתקופות הנ״ל) דלתקופות מנינן (כר״י) מניסן של תהו — וס״ל ג״כ דלא פליגי ר״י ור״א במציאות — עכצ״ל דעלה במחשבה בניסן ונברא בדיבור בתשרי.

ועד״ז לכל מ״ד דאדה״ר נברא בר״ה וחטא

איז מתאים מיט דעם וואָס ס׳איז מבואר אין ספרי קבלה[21], אַז „בניסן נברא העולם״ מיינט דעם ענין הבריאה בשייכות צו פנימיות העולמות און „בתשרי נברא העולם״ — חיצוניות העולמות.

חיצוניות העולמות איז ווי וועלט זעט זיך אָן אין חיצוניות, לעיני בשר, אַלס אַ דבר בפ״ע, נפרד פון אלקות — און די התהוות איז פון דיבורו ית׳ (דדבורו של הקב״ה חשיב מעשה[22]), וואָס דיבור ווערט נמשך באופן אַז ס׳זעט אויס (לגבי נבראים) ווי ער וואָלט געווען כביכול אַן ענין נפרד פון אים ית׳[23]. פנימיות העולמות איז ווי וועלט איז בפנימיות — מיוחד מיט אלקות, און דאָס איז די התהוות פון בחי׳ מחשבתו ית׳[24], בדוגמא ווי, להבדיל, למטה בלייבט מחשבה אַלע־מאָל מיוחד מיטן אדם החושב[25].

און דאָס איז אויך די שייכות פון די צוויי עניני התהוות צו די חדשים תשרי וניסן:

די עבודה פון תשרי איז בדרך מלמטה למעלה, עבודת התשובה; דערפון גופא וואָס מ׳דאַרף זיך אומקערן צום אויבערשטן, איז מוכח אַז פריער איז מען געווען מרוחק[26] פון אלקות — און מצד דער דרגא אין עבודה זעט זיך אָן מיט אַ פשיטות ווי וועלט איז אַ מציאות, און מ׳דאַרף האָבן ראיות והוכחות אַז יש בעה״ב לבירה זו;

די עבודה פון ניסן — עבודת הצדיקים — איז מלמעלה למטה: ער איז מלכתחילה קרוב[26] ומיוחד מיט אלקות, ובמילא איז ביי אים, אדרבא: אלקות איז ער מרגיש בפשיטות, און די מציאות הנבראים האָט ביי אים אַן אָרט אין הרגש נאָר דערפאַר וואָס ער האָט דערויף אַ הוכחה פון תורה — „בראשית ברא אל־קים״[27], ובמילא איז וועלט ביי אים התחדשות און זי איז תופס מקום נאָר אויף וויפל תורה גיט פאַר איר אַן אָרט.

און וויבאַלד אַז נשמות זיינען שייך צו פנימיות העולמות[28], בחי׳ מחשבה[29] — איז פאַרשטאַנדיק, אַז יעדער איד האָט דעם כח צו פועל זיין אַז ער זאָל דערהערן „אלקות בפשיטות ומציאות בהתחדשות״[30] — אַז די הוכחה אויף דער פאַראַנענקייט פון וועלט איז ביי

[(רובם ככולם של) דרושי חסידות, ס׳ קבלה, זח״א לז, א. ובכ״מ בתקו״ז] — את״ל דס״ל ג״כ דלא פליגי במציאות — עכצ״ל דבניסן עלה במחשבה לברוא.

— וידוע דבתוספת ישנם בכ״מ חילוקי דעות מאחד לשני, כי הם למחברים שונים (ספרי כללי התוס׳ — יד מלאכי וכו׳).

21) נהר שלום סדר תפלות ר״ה קרוב לסופו. שמן ששון לשער הכוונות שם. — באמת ליעקב (ח, פט) הקשה עליו. ולכאורה י״ל דכמה דרגות בפנימיות וחיצוניות (וכבנהר שלום שם) וכהסיום באמת ליעקב שם.

22) ראה ב״ר ספמ״ד. ובכ״מ.

23) תניא פכ״א־כב.

24) להעיר מסהמ״צ להצ״צ מצות האמנת אלקות ספי״א: ולכן אמר הרמב״ם שהמציאות של הנבראים הנראה לנו אינו אמתת מהותן . . משום שהמציאות אמיתי שלו הוא בעודו במחשבת הבורא כו׳.

25) ראה בהנ״ל — שער היחוד והאמונה פי״א. וראה לקו״ש ח״ט ע׳ 221, וש״נ.

26) ראה סד״ה להבין ענין שמח״ת תש״ו (ועוד), דפסח הו״ע בנות „נשואות במקום קרוב הם הצדיקים כו׳״, ועצרת של חג הו״ע ה„נשואות למקום רחוק הם הבע״ת כו׳״.

27) כידוע (ד״ה מי כמוכה תרכ״ט פ״ג. ועוד) שזוהי מההוכחות שהעולם אינו דמיון.

28) ראה בעניננו שער הכוונות שם: ומר איירי בבחינת הפנימיות שהוא ענין הנשמות.

29) כמרז״ל ישראל עלו במחשבה (ב״ר פ״א, ד. תניא רפ״ב. ובארוכה — המשך תרס״ו ע׳ תמז ואילך).

30) ראה בארוכה ד״ה ויהי הענן תרע״ה (בהמשך תער״ב ח״ב).

אים נאָר ווייל תורה זאָגט „בראשית ברא אלקים", ובמילא איז זיין יעדע עשי׳ דורכאויס אַ תורה׳דיקע־מציאות. זיין הת־עסקות אין עניני הגוף והעולם איז ווייל תורה זאָגט אים אָן דאָס צו טאָן — און אין אַן אופן פון „כל מעשיך יהיו לש"ש" און „בכל דרכיך דעהו" — ובמילא ווערט אויך די עבודה געטאָן אין אַן אופן פון „החודש" וחידוש, העכער פון מדידות והגבלות פון זיין מציאות וטבע.

ה. ויש לומר, אַז אָט דעם ענין — דער חיבור פון „החודש" מיט „כ"ה אדר" — איז רש"י מרמז אין דעם מאמר „לא הי׳ צריך להתחיל את התורה אלא מהחודש הזה לכם", וואָס ער ברענגט בפירושו אויפן ערשטן פסוק פון תורה „בראשית ברא אלקים גו׳" — דלכאורה איז ניט גלאַטיק:

א) כידוע איז ניט דער דרך פון רש"י צו זאָגן פריער די שוועריקייט אין פסוק און דערנאָך פאַרענטפערן זי, נאָר ער הויבט גלייך אָן מיטן פירוש והסברה (ובדרך ממילא פאַלט אָפּ די קשיא) — פאַרוואָס שטעלט ער דאָ פריער די קשיא „לא הי׳ צריך להתחיל את התורה אלא מהחודש הזה לכם", און הויבט ניט אָן גלייך מיטן פירוש „פתח בבראשית משום כח מעשיו הגיד לעמו לתת להם נחלת גוים[31] שאם יאמרו וכו׳"[32]?

ב) אפילו אויב מ׳זאָל זאָגן, אַז בנדון דידן וואָלט מען ניט פאַרשטאַנען די שוועריקייט אין דעם וואָס „פתח בברא־שית" סיידן מ׳איז פריער מסביר אַז די תורה (וואָס געהערט צום אידישן פאָלק) האָט זיך געדאַרפט אָנהויבן[33] מיט „החודש הזה לכם שהיא מצוה ראשונה שנצטוו בה ישראל"[34] — איז אָבער פאָרט ניט גלאַטיק אין פירוש רש"י:

(א) וואָס איז דאָ נוגע צו אויסטייטשן אַז „מצוה ראשונה שנצטוו בה ישראל" איז „החודש הזה לכם"[35] — לכאורה האָט רש"י געדאַרפט מקצר זיין און זאָגן „לא הי׳ צריך להתחיל את התורה אלא ממ־צוה (ראשונה) שנצטוו בה ישראל"?

(ב) וויבאַלד אַז רש"י׳ס קשיא איז, ווי מפרשים זאָגן, אַז די אַלע פרשיות ביז „החודש גו׳" האָבן ניט געדאַרפט שטיין אין תורה שבכתב — פאַרוואָס נוצט ער דעם לשון „לא הי׳ צריך להתחיל את התורה" (וואָס איז משמע, אַז בלויז די התחלה האָט געדאַרפט זיין ניט מיט דעם)[36], עס וואָלט געווען מער מתאים צו זאָגן (כלשון המדרש[37]) „לא הי׳ צריך לכ־תוב את התורה אלא מהחודש הזה לכם"?

איז דער ביאור אין דעם (אין „יינה של תורה" וואָס אין דעם פירוש רש"י):

„לא הי׳ צריך להתחיל את התורה אלא מהחודש הזה לכם" איז ניט נאָר אַ קס"ד, נאָר דאָס בלייבט אויך לפי המסקנא[38]: וויבאַלד אַז דאָס איז „מצוה

31) תהלים קיא, ו.

32) ראה גם לקו"ש ח"י ע׳ 6 — ושם נת׳ באו"א.

33) ראה בארוכה בכ"ז — לקו"ש ח"ה ע׳ 7.

34) עפ"ז מובנת הוספת רש"י (על לשון המדרש — נסמן לעיל הערה 5) „שהיא מצוה ראשונה שנצטוו בה ישראל".

35) כי אף שכ"ה לשון המדרש — הרי אין ענינו של רש"י להעתיק לשונות המדרשים לבד כשנוגע לפשוטו של מקרא, כמדובר כמ"פ.

36) ראה לקו"ש שם ע׳ 3 הערה 9. ח"כ ע׳ 1 ואילך.

37) תנחומא ולקח טוב הנ"ל.

38) ע"פ המבואר בפנים יומתק הלשון „לא הי׳ צריך להתחיל כו׳ אלא כו׳" — ולא (בלשון חיובי) „הי׳ צריך להתחיל את התורה כו׳" — כי הלשון „לא . . אלא" מורה שאי אפשר להיות באופן אחר (אפילו בדיעבד) — ראה מנחות פג, ב ובתוד"ה מתני׳ שם.

ראשונה שנצטוו בה ישראל״ מוז מען זאָגן אַז דאָס איז באמת דער יסוד והתחלה פון גאַנץ תורה (וכנ״ל סעיף ב׳).

און דאָס מיינט רש״י מרמז צו זיין מיט זיין פירוש אויף „בראשית״ — „לא הי׳ צריך להתחיל את התורה אלא מהחודש הזה לכם״: וויבאַלד אַז (אויך) „בראשית ברא גו׳״ איז אַ חלק פון תורה, דאַרף מען זאָגן, אַז „החודש הזה לכם גו׳״ איז די „התחלה״ (ויסוד) אויך פון „בראשית ברא גו׳״. דאָס מיינט, אַז די עבודה פון אידן אין אַן אופן פון „החודש גו׳״ דאַרף זיך אָנהויבן אַלס עיקר ויסוד (אויך) אין עני־ני העולם, אויפטאָן דעם ענין הגאולה אין וועלט גופא.

און ווי רש״י איז מסביר אין המשך פירושו — „פתח בבראשית משום כח מעשיו הגיד לעמו לתת להם נחלת גוים״: די עבודה פון אידן באַשטייט אין דעם, אַז אויך „נחלת גוים״ — וועלט — זאָל ווערן אויסגעלייזט און איבערגעיין אין רשות פון אידן, וועלכע מאַכן דאָס (איבער) לשם שמים, און אַ וועג צו דעהו.

ו. נאָך אַן ענין אין דעם קשר פון „החודש״ מיט כ״ה אדר:

מיט „החודש הזה לכם ראש חדשים גו׳״ מיינט דער פסוק ר״ח ניסן[39] — יום ו׳ למע״ב (לדעת ר׳ יהושע), דער טאָג פון בריאת האדם. און דאָס איז אויך דער קשר מיטן מאמר חז״ל הנ״ל אויף „החודש הזה גו׳״ — „כשבחר ביעקב ובניו קבע בו ראש חודש של גאולה״, ווייל אין דעם טאָג איז באַשאַפן געוואָרן דער אדם און דערמיט האָט זיך אויפגעטאָן דער ענין פון עבודת האדם (פון „בחר ביעקב ובניו״[40]) אין אַן אופן פון „חידוש״ און „גאולה״ כנ״ל; משא״כ די בריאה ווי זי איז בכ״ה אדר, פאַר בריאת האדם ועבודתו, איז די התהוות וקיום העולם געווען באתערותא דלעילא, מצד חפץ חסד הוא[41].

אויף דעם קומט די הוראה פון פרשת החודש שחל בכ״ה אדר, אַז אויך תחילת הבריאה, וואָס איז לכאורה נאָר מצד חפץ חסד הוא, איז זי באמיתית ובפנימיות פאַרבונדן מיט „החודש גו׳״, מיט עבודת האדם[42]; וכידוע מאמר חז״ל[43] וועגן כל־לות בריאת העולמות: „במי נמלך בנש־מותיהם של צדיקים״, אַז דער גאַנצער ענין הבריאה איז געווען דורך דעם וואָס „עלה לפניו ית׳ התענוג שיתענג כביכול בעבודת הצדיקים״[44].

דער ביאור אין דעם: דאָס וואָס די בריאה איז מצד חפץ חסד הוא איז ווייל קודם הבריאה — ד. ה. ווי דער אור אלקי איז נאָך אינגאַנצן העכער פון גדר עולמות ונבראים — איז ניט שייך אַז עבודת הנבראים זאָל תופס מקום זיין, ובמילא קען די בריאה זיין נאָר בדרך אתערותא דלעילא מצד עצמו, ווייל חפץ חסד הוא[45]; אָבער מאידך, איז מצד דעם וואָס חפץ חסד הוא איז דאָס גופא ברייננגט — אַז עבודת הנבראים זאָל יע

39) כדרשת חז״ל (מכילתא ורש״י עה״פ. ועוד) דקאי על קידוש החודש.

40) ראה אגה״ק סי׳ ז (קיא, ב).

41) ועיד המבואר (ד״ה תקעו תרס״א (בתחלתו) ותרצ״א (בסה״מ קונטרסים ח״א) פ״ג) — בנוגע לכ״ה אלול ור״ה.

42) ראה גם לקו״ש ח״ט ע׳ 190 — לענין כ״ה אלול.

43) ראה ב״ר פ״ח, ז. רות רבה פ״ב, ג.

44) המשך ר״ה תש״ג פ״ג ופ״ו. וראה לקו״א ואו״ת להה״מ בתחלתן. ועוד.

45) ראה בכ״ז המשך ר״ה שם פ״ו ואילך.

**האָבן אַ תפיסת מקום[46], ובמילא איז די סיבת הבריאה פאַרבונדן (דורך „חפץ חסד״) מיט דעם וואָס „עלה לפניו ית׳״ די עבודה פון צדיקים.**

**[וואָס דאָס איז איינער פון די ביאורים אין דער תורה פון מגיד[47], אַז די בריאה איז געווען „בשביל שיהיו ישראל צדיקים בכל דור״ און וויבאַלד אַז ביי הקב״ה זיינען „העבר והעתיד שוים״, דערפאַר „הי׳ הוא ית׳ מתענג ממעשה הצדיקים וצמצם א״ע״; ועד״ז וועגן אידן, דאָס וואָס „ישראל עלו במחשבה״[48] — איז ער מסביר[49] — אַז ביי בשר ודם „מי שלא הי׳ לו בן מעולם לא יכול לומר שיהא נחקק במחשבתו צורת הבן שיהי׳ לו אחר כך . . אבל אצל השם יתברך . . אף קודם שנבראו ישראל הי׳ נחקק צורתם במחשבה . . כי אצלו יתברך העבר והעתיד א״ — **

**דלכאורה, וואָס איז דער אויפטו אין דעם? עס איז פשוט אַז דער אויבערשטער איז למעלה מן הזמן און דער עבר און עתיד זיינען ביי אים „שווים״? נאָר דער ביאור אין דעם איז: וויבאַלד דאָ רעדט זיך וועגן דעם אור אלקי ווי ער איז נאָך העכער פון צמצום און פון שייכות — אפילו בכח[50] — צו דער בריאה, איז דאָך לכאורה ניט שייך צו זאָגן אַז „דאָרט״ זאָל נחקק ווערן די עבודה פון צדיקים (אָדער „צורת הבן״ בכלל) — היינט ווי קען מען זאָגן אַז דאָס איז די** סיבה **פון דעם צמצום ובריאה?**

**און דאָס טוט מען אויף: מצד דעם וואָס „העבר והעתיד שווים״, איז דער ענין פון מעשה הצדיקים און „צורת הבן״ שוין נחקק געוואָרן בפועל[51] אין דער בחי׳ פון „חפץ חסד הוא״ (וואָס איז אינגאַנצן העכער פון נבראים כו׳), ביז, אַז** דאָס **איז די** סיבת**[52] הצמצום והבריאה].**

**ז. דאָס איז אויך די הוראה אין עבודה בפועל, אַז אויך די ענינים וואָס קומען בדרך אתערותא דלעילא וועלכע**

46) **ועי״ד מה שגם לאחרי הבריאה, הרי זה שבאתעדל״ת אתעדל״ע הוא (לא מפני שהאתעדל״ת מכריחה ח״ו את האתעדל״ע, כ״א) מפני שכן עלה ברצונו ית׳, אלא שהרצון גופא הוא בזה שהאתעדל״ע תומשך ע״י אתעדל״ת דוקא** (המשך ר״ה שם) — **כי אמיתית הטוב והחסד הוא כאשר ההשפעות מלמעלה אינן באופן של נהמא דכסופא, כ״א ע״י** עבודה (ראה הגש״פ (קה״ת תשמ״ו־ז) ע׳ תרמא ואילך. לקו״ש חט״ו ע׳ 83 סעיף ד׳. ועוד).

**ובזה יומתק לשון רז״ל* „**במי **נמלך כו׳״ — דלכאורה, מהי הפשיטות שהקב״ה „נמלך״ עד שהמדרש שואל „**במי **נמלך״? והביאור בזה: מכיון שתכלית הטוב הוא שכל ענין יבא ע״י עבודה דוקא, ודאי שגם תחילת הבריאה היתה באופן כזה [והשאלה היא רק „במי נמלך״ — מכיון שקודם הבריאה אין תפיסת מקום לענין של עבודה, כבפנים].**

**ומתרץ במדרש — „בנשמותיהם של צדיקים״, ד(אע״פ שבנוגע לכללות הבריאה, אאפ״ל שיש לה איזו תפיסת מקום קודם הבריאה, מ״מ) נש״י מושרשים בעצמות, ולכן „אף קודם שנבראו ישראל הי׳ נחקק צורתם במחשבה״, כדלקמן מהה״מ.**

47) **או״ת ולקו״א שם.**

48) **נסמן לעיל הערה** 29.

49) **או״ת ד״ה נעשה אדם (ב, ג). כתר שם טוב סי׳ רמא. וראה או״ת (שם, ד) ד״ה ויברא וד״ה ענין אחר.**

*) כן הובא בהמשך ר״ה שם, ובכ״מ בדא״ח. וראה ב״ר שם, ג (אבל שם הוא על מש״נ „**נעשה** אדם״. וראה מפרשי המדרש שם).

50) ראה המשך תרס״ו ע׳ ה. ועוד.

51) ראה אוה״ת משפטים (ע׳ א׳רסז. א׳רעח). רד״ה ויקהל תרע״ה (בהמשך תער״ב ח״ב).

52) ראה שערי אורה ד״ה וקבל פרק ל: **במי נמלך בתחלת המחשבה אם להיות רצון וחפץ חסד זה . . בנשמתן של צדיקים שעלו בתחלת המחשבה . . אותו חפץ חסד** מקבל **מזה העונג הנעלם שעלה במחשבה תחלה.**

**זיינען לכאורה העכער פון דעם אַז דער מענטש זאָל אין זיי עפּעס אויפטאָן דורך זיין עבודה – אויך די ענינים זיינען אין דער אמת׳ן פאַרבונדן מיט עבודת האדם[53].**

**ויש לומר, אַז דאָס איז אויך דער טעם פנימי וואָס דער מאמר „לא הי׳ צריך להתחיל את התורה אלא מהחודש הזה לכם" ברענגט רש״י גלייך אויפן פסוק „בראשית ברא גו׳", וואָס דערמיט איז ער מרמז:**

**בשעת אַ איד לערנט דעם פסוק „בראשית ברא גו׳" אין תורה, איז דאָך דאָס גופא אַן ענין פון „עבודה"; ובמילא ווערט דורך דעם אויפגעטאָן, אַז שוין אין דעם ענין פון „בראשית ברא גו׳" – וואָס איז אַן ענין פון אתערותא דלעילא כנ״ל – איז דאָ דער „החודש הזה לכם", וואָס ווייזט אויף דער עבודה פון „יעקב ובניו"[54].**

(משיחות ש״פ החודש תשל״ו ותשל״ז, ש״פ נצבים תשל״ד)

---

53) **ראה גם לקו״ש ח״ד ס״ע 1353 ואילך. ח״ט ע׳ 191. ועוד.**

54) **ועפ״ז יומתק מה שסיפר כ״ק מו״ח אדמו״ר שחסידים הראשונים היו לומדים בכ״ה אלול פרשת בראשית עד „יום אחד"; כ״ו אלול – „יום שני" וכו׳*: התכוונו בכך להביא תוכן של** עבודה **גם בהענינים של „בראשית ברא גו׳" (אתעדל״ע).**

*) ראה גם סי׳ יעב״ץ דיני חודש אלול אות כב.